בעזהשי״ת

שיעור ס״א

הלכה היינטיגע צייטן באידיש

שיעורי

# הלכה ישרה

הלכות למעשה המצויות בשבת

## הלכות בורר [א]

לא ללמוד בשעת התפילה וקריאת התורה

# נשמת שבת

**שבת 'ושמירתה'** הוא יסוד האמונה, כמו שכתוב (שמות לא, יז): "ביני ובין בני ישראל אות היא לעולם".

'השומר את השבת' מעיד על בריאת שמים וארץ, כמו שכתוב בהמשך הכתוב: "כי ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ."

כשאומרים "ביני ובין בני ישראל אות היא לעולם", **מתעורר אהבה וקשר נורא בינינו לבין בורא כל עולמים** שבחר 'בנו מכל העמים' להעיד עליו ברוך הוא.

(ספרן של צדיקים)



**מלאכת בורר היא מלאכה מן התורה, וזה שכיח ביותר במשך כל יום השבת. צריכים זהירות יתירה במשך כל השבת שלא ליכשל במלאכת ברירה**

## הלכה למעשה

**ג' תנאים** יש כדי להתיר לברור בשבת, וסימנך 'איל' – האותיות א' י' ל':

**א**וכל: שבורר מה שצריך – דהיינו ה'אוכל', ולא מה שאינו צריך – דהיינו ה'פסולת' או המין שאינו צריך לו.

**י**ד: שבורר ביד ולא עם שום כלי המסייע לברור.

**ל**אלתר: שבורר כדי לאכול מיד, וכן בכלי או מלבוש – כדי להשתמש מיד.

## 'מלאכת בורר' שחייב עליה

### איסורי תורה – במאכלים:

**א.** אסור מן התורה להוציא ה'פסולת' מתוך ה'אוכל', או המין והסוג שאינו רוצה אפילו אינו 'פסולת' – אסור להוציאו מבֵין מה שרוצה.

**ב.** כללי המאכלים הנחשבים ל'שני מינים':

- ❖ שאין טעמם שווה.

- ❖ או שיש להם שני שמות.
- ❖ או שמקפידים על אחד מבֵין שניהם.

בכל אלה אסור **להפריד** מין מאכל אחד ממין אחר, כשהם מונחים יחד.

## האיסור ב'בורר בכלי':

ג. וכן אסור מן התורה להוציא 'אוכל' מתוך 'פסולת' **בעזרת כלי המסייע לברור**, אפילו אינו מיוחד לברור.

## האיסור ב'בורר לזמן':

ד. אע"פ שמוציא **בידו ה'אוכל'** – מהתערובת, עדיין **אסור מן התורה אם אין זה כדי לאכול מיד**, אלא כדי לאכול לאחר זמן.

## בחפצים כלים ובגדים:

ה. גם בתערובות חפצים, בגדים או כלים שייך בהן איסור 'בורר', **ולכן יקח דווקא אותו דבר שרוצה וצריך לו**, אבל אסור להוציא החפץ, הבגד או הכלי, שאינו רוצה מתוך שאר המינים או הסוגים.

ו. אף כשבורר החפץ, הבגד או הכלי, ומוציא מה שרוצה מתוך התערובת, מותר דווקא כשזה על מנת להשתמש בה לאלתר (תיכף ומיד), אבל אסור כשאינו לאלתר (כגון המכין כלי, אוכל, או בגדי ילדים בליל שבת לצורך הבוקר).

## היתרים ב'מלאכת בורר'

ז. יש פעמים **שמותר לברור** בכל אופן (-המין שאינו רוצה, או להניח לאחר זמן).

## כאשר אינם מונחים ב'תערובת':

- ❖ יש לו מאכלים או כלים שמונחים סמוך לאחרים, אבל אינם מעורבים זה עם זה, אלא הם נפרדים זה מזה.
- ❖ כשהם רק 'שני' מאכלים או 'שני' כלים שמונחים סמוך אחד ליד השני, והם ניכרים בפני עצמם (כי אז זה לא נקרא 'תערובת') (פוסקים אחרונים ברמ"א בסי' שי"ט).
- ❖ כמה מיני מאכלים, כלים או מלבושים המונחים באופן מסודר על מקומם בארון (שאפע) וכדומה, אין עליהם שם 'תערובת'.

## ח. שאינם בגדר 'שני מינים', דהיינו:

- ❖ שטעמם כמעט שווים.
- ❖ וגם שמם אחד.
- ❖ וגם אין מקפידים בין שניהם כלל, ואוכלים אחד כמו השני.

**בכל אלו** מותר לברור בכל אופן, אפילו להוציא המין שאינו רוצה, ואפילו כדי להניח לאחר זמן.

## ט. להוציא ׳פסולת׳ עם קצת ׳אוכל׳:

לדעת כמה פוסקים מותר להוציא ׳פסולת׳ מתוך ׳אוכל׳ – **כאשר הוא מוציא ה׳פסולת׳ יחד עם קצת ׳אוכל׳** (וגם אח״כ אינו מפריד את ה׳אוכל׳ מן ה׳פסולת׳) (שו״ט ט״ז ס״ק ד׳, משנ״ב ס״ק ס״א, הל׳ יו״ט סי׳ תק״ד סק״כ).

- אולם יש שאסרו לעשות כן (הרב בסידור; חזו״א סימן נ״ג, נ״ד סק״ג).

## בורר לאחרים:

י. מותר לברור עבור אחרים שצריכים [לאלתר], אפילו כשהוא עצמו אינו צריך לדבר הנברר כלל (ולא הוי כמו ׳להניח׳).

- אפילו אם הדבר שמוציא הוא ׳פסולת׳ בשבילו (ולא הוי כבורר ׳פסולת׳).

## הלכות המצויות

## א. איסור ׳בורר׳ מה״ת להוציא את ה׳פסולת׳:

- נפל לכלוך (שמוטץ) כגון זבוב וכדומה לתוך קערת מרק (זופ).
- קליפת ביצה (אייער שולעכטץ) בתוך סאלאט ביצים (אייער צוויבל).
- דבר קשה בחלה (הארטע שטיקל אינעם חלה) שרוצה להסירו.
- וכן כשיש שערה (האר) וכדומה בתוך כוס משקה וכדומה.

בכל אלו:

- אסור להוציא את ה׳פסולת׳.
- אם לוקח ה׳פסולת׳ יחד עם קצת מהמאכל או המשקה, הרי זה מותר (לכמה פוסקים).
- ויותר טוב לעשות:

1 - שיכניס (אריינלייגן) כף או מזלג (גאפל) בתוך המאכל או המשקה, ואז יכניס ה׳פסולת׳ (השמוטץ) לתוך הכף,

2 – ויגביה (זאל אויף הייבען) הקערה או הכוס למעלה,

3 - ויוריד הכלי למטה מהכף - באופן שהכף עם ה׳פסולת׳ תישאר מלמעלה,

כי בזה מוציא ה׳אוכל׳ – (הכלי) מתוך ה׳פסולת׳ (מהכף עם השמוטץ), וזה מותר לכל הפוסקים.

**כל זה בתנאי שיעשה זאת בתוך הסעודה, או כחצי שעה סמוך לסעודה.**

## גדר ׳שני מינים׳ – במציאות

## ב. גדר ׳שני מינים׳ מאכלים:

׳שני מינים׳, היינו שנקראים בשני שמות, או שיש להם שני טעמים שונים – כל זמן שמקפידים ביניהם, ואינו אוכל את האחד כמו את השני, הרי שאז הם נחשבים ל׳שני מינים׳, ולכן:

## צלי ומבושל במין מאכל אחד:

ג. שתי חתיכות בשר ודגים אפילו ממין אחד, אחד מבושל ואחד צלוי או אפוי וכדומה – נחשבים הם 'לשני מינים', **ואסור להוציא החתיכה שאינו רוצה.**

❖ כך גם אסור לברור מהם – אפילו המין שרוצה, **אם אין זה סמוך לסעודה** (ע"פ מש"ב; ספר שש"כ פ"ב סע"ד בשם הגרשז"א והגריש"א).

## שני חלקים בעוף:

ד. חלקי העוף (כגון חלק העליון והתחתון – Bottom וכדומה), אם מקפיד עליהם ואינו אוכל את האחד כמו את השני, הם נחשבים 'לשני מינים', ואסור לברור החלק שאינו רוצה, אלא יקח מה שרוצה.

❖ כך גם אסור לברור מהם – אפילו המין שרוצה, **אם אין זה סמוך לסעודה.**

## שני חלקי דגים ממין אחד:

ה. יש איסור בורר בשני מיני דגים (סעלמאן, ווייט וכדומה), ויברור באופן המותר.

❖ אבל **שני חלקים ממין דג אחד** שאינו מקפיד עליהם כ"כ, אפילו אם חלק אחד יותר קרוב לזנב הדג וכדומה, מותר לבוררם.

## הכנה לסעודה

## ו. הכנת המאכלים לסעודה:

❖ יסדר המאכלים **מה'פסולת'** - **ומיניהם** – רק בזמן סמוך לסעודה ממש, והוא משעה שיוצאים מבית המדרש, **וכפי כמה זמן שנדרש להכין להסעודה.**

**ודע!** שאסור להכין 'מקודם הזמן סמוך לסעודה', כדי שיהא פנוי לעשות דבר אחר או להספיק ללכת למקום אחר לפני הסעודה, אפילו בשהדח"ק (הגרשז"א בשש"כ פ"ג, וספר ש"כ פ"ב סנ"ח, והע ר"כ).

❖ וכן מותר אז לקלף את הביצים (אייער שולעכטץ) לצורך סלט ביצים (אייער צוויבל).

❖ לסדר שני מיני דגים או בשר, בשביל האורחים או הילדים.

❖ להוציא מיני משקאות שצריך לסעודה מתוך תערובת משקאות המונחות בפריד'זידער או בקופסא (Box).

ואפילו אם חלק מהמאכלים יאכלו רק בסוף הסעודה, לאחר כמה שעות מתחילת הסעודה, מכל מקום מותר להכינם קודם הסעודה (רמ"א שו"ט).

## הכנת כלים לסעודה:

ז. כלי אכילה (עסצייג) **המסודרים בלעדל – כל מין בנפרד**, סכין כף ומזלג, **'מותר להוציא** משם כל מין ומין (סארט) **בנפרד'** ולסדרו על השולחן, ואח"כ יקח מין (סארט) אחר ממקומו בנפרד, ויסדר על השולחן, ועל דרך זו יעשה בכל הכלים, כגון הטעלערס

וכדומה.

❖ **באופן זה יכול לסדר אפילו בליל שבת לצורך סעודת-שבת בבוקר.**

**ח.** אבל אם כלי האוכל מעורבים (אויסגעמישט) (כגון על הרעק -Drying Rack לאחר ניקויים) – מותר לסדר את כלים רק סמוך להסעודה.

❖ ואז לא יסדר את הכלים (עסצייג: לעפל, גאפל, מעסער וכדומה) על השולחן **בליל שבת לצורך סעודת-שבת בבוקר.**

## הכנה לסעודה גדולה:

**ט.** אם יש לו הרבה אורחים וצריך להכין הרבה אוכל, ולקלף הרבה ביצים, או שצריך להכין הרבה כלי-אכילה (עסצייג), ולהכין את המשקאות, וכל זה נמשך זמן רב מאוד, מותר להתחיל לסדרם ולבוררם אפילו הרבה קודם היציאה מבית המדרש, כפי הזמן שצריך כדי שיוכלו להתחיל תיכף את הסעודה (פוס' בשם הגרשז"א והגריש"א; ע' ס' איל משולש פ"ח אות כ"ב בא"ד ושמעתי).

## לקרר המשקה הרבה קודם הסעודה:

**י.** וכן אם צריך לקרר משקאות לצורך הסעודה – זמן רב לפני הסעודה, כדי שיתקררו כל צרכם, מותר להוציא משקאות מתוך תערובתם אפילו זמן רב לפני הסעודה, כפי הזמן שצריך בשביל שיתקררו.

❖ אמנם, טוב יותר שיעשה זאת מערב שבת, כיון שיש אוסרים בזה (ס' איל משולש בשם הגריש"א פ"ח סכ"ו).

## להוציא מאכלים מהפריזער (Freezer):

**יא.** מותר להוציא מאכלים מהפריזער (Freezer) מתוך תערובתם שם עם שאר מאכלים (כגון חלות קפואים – פארפרוידן, קאמפאוט וכדומה), אפילו זמן רב לפני הסעודה – כפי הזמן שצריך בשביל שיפשירו (אויס פרידן) ככל שאכן רוצה שיפשירו (שש"כ סע"ד והע' ר"ג) (וזה מותר לכו"ע).

## דיני 'מוקצה' במאכלים בפריזער:

**יב.** ודע! שבתוך הפריזער ישנם הרבה מאכלים שהם מוקצה בשבת, כגון: בשר בהמה ועוף אם אינם מבושלים (רויע-Raw Food) (לדעת רוב פוסקים), או שאר מאכלים שאינם מבושלים כל צורכם (Frozen Foods & Par Baked) או בצק מהפרשת חלה.

לכן כאשר מוציא משם המאכלים, יזהר שלא לטלטל המאכלים המוקצים בידיים, אלא יעשה כך:

❖ יתפוס במאכלים שצריך, ויוציאם (ארויסשלעפן) מבֵין מאכלים המוקצים.

❖ או יטלטל מאכלים המוקצים בטלטול 'כלאחר יד' (מאחורי ידיו – עלנבויגן, וכדומה).

❖ ובשעת הצורך, יטלטל מאכלים המוקצים ב׳טלטול מן הצד׳ על ידי דבר אחר (ע״י כלי וכדומה).

## בורר כדי להשתמש בבית או במקום אחר

### בורר להשתמש במקום אחר:

יג. אסור לברור מאכלים מ׳תערובת׳ מקודם בשביל לאכול בבית אחר, כגון להכין ולברור **׳בבוקר׳** (או זמן רב לפני הסעודה), כדי להביא לבית ההורים, כדי לאכול שם **׳סעודת צהרים׳**, ככל שאין זה סמוך לסעודה שמה (שש״כ הע׳ ק״צ).

יד. אמנם מותר לברור ולהכין ׳סמוך לצאתו מביתו׳ – כפי הזמן שזה לוקח, כדי שיביא זה לשם סמוך לסעודה (שם).

❖ כך גם מותר אפילו הדרך לשם לוקח הרבה זמן, כל זמן שזהו כדי לאכלם תיכף כשבא לשם (שם).

❖ מותר לברור ולהכין לתת צידה לדרך לאורח, אפילו כשלא יאכל אותו אלא אחר כמה שעות (שזה נקרא ׳לאלתר׳ - כדי לכבד האורח), (שם).

### בורר עבור טיול בפארק:

טו. מותר לברור מאכלים מ׳תערובת׳ לפני שילך לטיול עם ילדים לפארק – כדי לאכלם שם, אבל זה מותר רק אם הילדים **יכולים להתחיל לאכול מהמאכלים מתי שרוצים. אבל אם יתן להם לאכול רק אחר** זמן רב, אסור להוציאם מ׳התערובת׳.

## כלים, מלבושים, חפצים

### מלבושים וחפצים לצורך מחר:

טז. כבר נתבאר שגם כלים ובגדים אסור לברור, ולכן בליל-שבת אסור להוציא בגד מתוך תערובת בגדים כדי להכין לילדים לשבת בבוקר.

### בגדים מסודרים בשאפע ולעדל:

יז. אם הבגדים מסודרים כל סוג (סארט) בתוך המגירה (לעדל) או השאפע, וכן המלבושים תלויים (הענגן) ומסודרים בארון (שאפע), וכל אחד מהם מונח במקומו הראוי, אין עליהם שם ׳תערובת׳, ומותר להכין ולהוציא משם בגד בליל-שבת בשביל שבת בבוקר (הגרשז״א בשש״כ).

### אופן שמותר להסיר כלים ובגדים שאינו רוצה (׳פסולת׳):

יח. כלים וספרים ובגדים שמונחים אחד על השני ואינם מעורבים (נישט צוזאמען געמישט), מותר להסיר הספר או הבגד העליון (שאינו רוצה) כדי שיוכל להגיע אל התחתון, **אבל זה רק סמוך לתשמיש** (ביה״ל סי׳ שי״ט ד״ה לאכול).

### להשתמש בבגדים במקום אחר:

יט. אסור ליקח מתערובת בגדים, כגון בגדי ילדים, כדי ללבשם בבית אחר לאחר זמן רב, אבל אם תיכף כשבא לשם ישתמש בהם – מותר (שש"כ הע' ק"צ).

❖ ומותר אפילו אם הדרך לשם לוקחת זמן רב (ס' שש"כ ס"ב סנ"ח, וסקט"ו).

### ספר או סידור מהארון:

כ. וכן מותר להוציא ספר או סידור מ'תערובת' – כדי להשתמש בו בבית המדרש תיכף כשיגיע שם.

❖ ומותר אפילו אם הדרך לשם לוקחת זמן רב.

## הלכות בורר - אידיש

'בורר' איז א '**מלאכה מן התורה**' וואס מען דארף זיין נזהר א גאנצע צייט במשך שבת

### היתר בורר – אותיות אי"ל (א' י' ל')

**א**וכל: מען זאל אלעמאל נעמען פונעם געמישטע מאכלים, כלים, ובגדים – נאר דאס מען וויל יא נוצן – די '**אוכל**'.

**י**ד: מען מעג בורר זיין, נאר מותר מיט די האנט – '**ביד**', אהן אז א כלי זאל צוהעלפן (צ"ב: דורך א שעפ לעפל אדער א שיילער וכדו').

**ל**אלתר: ווען מען מעג יא בורר זיין, איז נאר מותר כדי צו באלד עסן אדער נוצן די כלי, אבער בורר זיין אויף שפעטער, איז אסור, צ"ב:

❖ פרייטאג צונאכט'ס איז אסור צו בורר זיין עסצייג און מסדר זיין פאר סעודת שחרית.

❖ אויך איז אסור ביינאכט צו אנגרייטן פאר קינדער קליידער וואס זענען געמישט – אויף צו מארגנס.

### בורר וואס איז מותר

**פעלער וואס 'בורר' איז מותר – אפילו צו ארויסנעמען וואס מען וויל נישט** (פסולת), **אדער ארויס נעמען אויף שפעטער, און אפילו ארויסנעמען מיט די הילף פון א כלי.**

### נישט 'אויסגעמישט':

א. מאכלים / כלים / בגדים וואס זענען נישט אויסגעמישט, נאר זענען צושייד איינער פונעם צווייטן, צ"ב:

❖ ספרים ליגן צושפרייט אויפן טיש.

❖ א פאהר סארט עסן צושייד אין א בעקעלע.

❖ עסן, כלים, קליידער וואס זענען מסודר אין שאפע א יעדער אויף זיין פלאץ.

❖ נאר צוויי מאכלים אדער צוויי כלים איינס נעבן צווייטן, און זענען ניכר (קענטיג), הייסט עס נישט 'אויסגעמישט'.

**ביי די אלע אופנים** מעג מען בורר זיין די נישט גוטע, אפילו אויף שפעטער, און אפילו מיט די הילף פון א כלי.

## זענען נישט 'צוויי מינים':

ב. עסן וואס זענען נישט צוויי סארטן, און זיי האבן נישט אינגאנצן אן אנדערע טעם, און מען עסט זיי די זעלבע איינס ווי די צווייטן, מעג מען בורר זיין בכל אופן.

## בורר זיין שלעכטע צוזאמען מיט אביסל גוטע:

ג. עס זענען דא פוסקים וואס האלטן אז מען מעג ארויסנעמען די שלעכטע צוזאמען מיט אביסל גוטע, צ"ב:

❖ ארויסנעמען שמוטץ צוזאמען מיט אביסל עסן פון א טעלער [אבער אנדערע פוסקים אסר'ן דאס].

## בורר זיין פאר א צווייטן:

ד. מען מעג בורר זיין צוויי מינע עסן אדער כלים **פאר א צווייטן**, אפילו ווען דאס וואס ער נעמט איז נישט גוט פאר איהם אליין (און ממילא הייסט עס בורר זיין אויף נישט צו נוצן, אויך איז עס 'פסולת'), אבער וויבאלד פאר'ן צווייטע איז עס נישט קיין 'פסולת', איז עס מותר.

# 'בורר' אין היינטיגע מציאות

'בורר' אין היינטיגע מציאות

## א. פעלער פון איסור 'בורר' מן התורה:

אויף די אלע זאכן וכדומה זאל מען זיין געווארענט, צום ביישפיל, נישט ארויס נעמען:

❖ שמוטץ וואס איז אריין אינעם עסן אדער טרינקן.

❖ א הארטע שטיקל אין די חלה וואס איז נישט גוט.

❖ א האר וואס געפונט איז אין די עסן אדער טרינקן.

❖ ביי די אלע טאר מען נישט ארויסנעמען די שלעכטע פונעם גוטע.

❖ לויט א טייל פוסקים מעג מען ארויסנעמען די שלעכטע צוזאמען מיט אביסל עסן (אבער אנדערע פוסקים אסר'ן דאס).

## די בעסטע עצה איז ווי פאלגענד:

1. אריין צו שטעקן די לעפל אינעם עסן אדער טרינקן, און דארט אריין לייגן די שמוטץ;

2. דאן אויפהייבן די טעלער אדער בעכער;

3. אראפ ציען די כלי פונעם לעפל מיט די שמוטץ (בורר האוכל מן הפסולת);

4. אזוי אז די לעפעל מיט'ן שמוטץ בלייבט אינדרויסן פונעם טעלער – אהן האבן

ארויסגענומען די לעפל דירעקט פונעם טעלער.

אבער דאס מעג מען מאכן נאר 'בשעת' אדער 'סמוך לסעודה'.

ב. שיילן די אייער – זאל מען נאר אין די האלבע שעה בעפאר די סעודה.

### ג. 'צוויי מינים':

אלע עסן וואס זענען אנדערש פונעם צווייטן, און מען עסט זיי נישט די זעלבע, איינס ווי די צווייטן – הייסט דאס 'צוויי מינים' (סארטן), אפילו זיי האבן די זעלבע נאמען, צ"ב:

- ❖ צוויי זעלבע מינע פיש, איינס געקאכט און איינס געבאקן.
- ❖ צוויי חלקים פונעם זעלבע עוף (Chicken), איינס איז די אונטערשטע טייל (Bottom Part) און איינס איז די אנדערע טייל וואס נישט אלע גלייכן, הייסט דאס 'צוויי מינים'.
- ❖ צוויי סארט פיש, קוגל, חלה (נארמאלע, און זויערע) פירות, מינע טרינקן.
- ❖ צוויי סארט כלים – גרויסע גאפל \ לעפל און קליינע, גרויסע און קליינע גלעזער, שיינע (Crystal) און פשוט'ע (אפילו שיינע) גלעזער.

דאס אלעס וכדומה הייסט 'צוויי מינים', און דערפאר אויב זיי זענען צוזאמען, טאר מען נישט:

ברכות לרוב למזכים את הרבים בשמירת שבת כהלכתה

- ❖ ארויסנעמען דאס וואס מען וויל נישט, נאר דאס וואס מען נוצט.
- ❖ אויך וואס מען וויל זאל מען נישט ארויסנעמען אסאך צייט בעפאר'ן נוצן.

## אנגרייטן די סעודה בהיתר:

ד. **נאהנט צום סעודה** - וויפיל צייט מען דארף הבען אנצוגרייטען בעפאר די סעודה הייבט זיך אהן, מעג מען טוהן דאס אלעס מסדר צו זיין צוויי סארט מאכלים (ווי דערמאנט פריער) איינס פונעם צווייטן (פאר געסט, אדער קינדער וכדומה).

מען טאהר אבער נישט אנגרייטען **'בעפאר די צייט'** וואס איז **'נאהנט צום סעודה'**, אפילו ווען מען דארף נאך טוהן עפעס אנדערש אדער מען דארף נאך ערגעץ צוגיין בעפאר'ן סעודה, איז אויך אסור.

ד. א האלבע שעה בעפאר די סעודה הייבט זיך אהן, מעג מען טוהן דאס אלעס:

- ❖ מסדר צו זיין צוויי סארט מאכלים (ווי דערמאנט פריער) איינס פונעם צווייטן (פאר געסט, אדער קינדער וכדומה).
- ❖ אפשיילן די אייער.
- ❖ ארויס נעמען די פלעשער טרינקן איינעם פונעם צווייטן (וואס זענען אויסגעמישט אינעם פרידז'ש אדער קעסטל - Box).

**אפילו** ווען א חלק פון די זאכן ווערט גענוצט ערשט צום סוף פונעם סעודה, א פאהר שעה שפעטער, מעג מען אויך.

### ה. בורר זיין בעפאר א גרויסע סעודה:

ביי גרויסע סעודות ווי מען דארף אנגרייטן אסאך פארשידענע מינע עסן, שיילן די אייער, בורר זיין כלים אדער טרינקן איינער פונעם צווייטן, און עס איז נישט גענוג אנצוגרייטען **נאהנט בעפאר'ן סעודה**, מעג מען אנהייבן צו בורר זיין אסאך צייט בעפאר'ן סעודה וויפיל עס 'פעלט אויס' כדי אנצוגרייטן די סעודה.

### ו. קאלט מאכן טרינקן:

מען מעג ארויסנעמען טרינקן פון צווישן פארשידענע סארטן, כדי זיי צו מאכן קאלט אינעם פרידז'ש – וויפיל צייט עס פעלט אויס, אפילו אסאך צייט בעפאר'ן סעודה.

- ❖ אבער עס איז בעסער אז מען מאכט דאס פון ערב שבת, ווייל טייל פוסקים אסר'ן דאס.

### ז. עסן פון פריזער:

אויך מעג מען ארויסנעמען עסן אדער חלות פון א געמישטע פריזער אסאך צייט בעפאר'ן סעודה, כדי זיי זאלן זיין גרייט בעפאר'ן סעודה (דאס מעג מען לויט אלע פוסקים).

### ח. מוקצה אין פריזער:

מען זאל זיין געווארענט, נישט מטלטל זיין עסן וואס איז 'מוקצה', וואס געווענליך זענען זיי אין פריזער, ווי צ"ב:

רויע פלייש, רויע פיש, טייג פון הפרשת חלה, רויע טייג פאר באקן און ירקות.

### ווי אזוי צו ארויסנעמען דארט די גוטע:

- ❖ מען זאל ארויסנעמען (שלעפן) די מאכלים וואס זענען ראוי צו עסן פון צווישן די מוקצה.
- ❖ מען קען מטלטל זיין די מוקצה 'כלאחר יד' – מיט די עלנבויגן וכדומה.
- ❖ ווען מען דארף, קען מען מטלטל זיין 'בטלטול מן הצד' – דורך שטיפן די מוקצה מיט א כלי וכדומה.

### ט. 'בורר' כדי נוצן אין א אנדערע הויז:

בורר זיין מאכלים אדער מלבושים (צ"ב: פאר קינדער) פון צווישן געמישטע 'תערובת' כדי זיי נוצן אין א צווייטע הויז (צ"ב: ביי די עלטערן), איז נאר מותר ווי פאלגענד:

- ❖ מען זאל אנגרייטען די עסן און די קליידער וכדומה - **דווקא בעפאר מען גייט ארויס צום עלטערן**, וויפיל צייט מען דארף האבען, און ניצען די עסן און קליידער נאהנט צום סעודה דארט'ן (און ווייטער).
- ❖ **מען טאהר אבער נישט אנגרייטען 'בעפאר די צייט' נאהנט וואס מען גייט ארויס צום עלטערן.**
- ❖ אויך טאהר מען נישט אנגרייטען – בורר זיין אינדערפרי, פאר די סעודה ביים עלטערען וואס גייט זיין מיטאג, וכדומה לזה.

❖ מען מעג בורר זיין און געבען פאר א גאסט צידה לדרך אפילו ער גייט עס עסען אסאך שפעטער.

### י. אנגרייטען צו גיין צום פארק מיט קינדער:

מען מעג אויסקלויבן עסן בעפאר מען גייט צו די פארק מיט קינדער, אבער נאר אויב די קינדער קענען דאס עסן גלייך אין א קורצע צייט (אבער טאמער קענען זיי דאס עסן נאר נאך א לענגערע צייט, איז אסור).

### יא. נעמען ספרים אין ביהמ"ד:

מען מעג בורר זיין ספרים, סידורים וכדומה פון א 'תערובת' כדי צו נוצן אין א קורצע צייט נאכן אנקומען צום בית המדרש.

❖ עס איז מותר אפילו ווען די וועג נעמט זייער לאנג (מער פון א האלבע שעה).

### יב. עסן, כלים, קליידער – מסודר אין שאפע:

עסן, קליידער וכדומה וואס זענען מסודר אינעם שאפע, פרידז'ש אדער שאנק – א יעדער איינער אויף זיין פלאץ, איז אפילו אויב איינס ליגט אדער הענגט נעבן צווייטן, הייסט דאס נישט קיין געמישעכטס – 'תערובת'. ממילא מעג מען אנגרייטן פון דארט אפילו אסאך בעפאר'ן ניצן (צ"ב: אנגרייטן קליידער פון די שאפע פרייטאג צו נאכט'ס אויף שבת אינדערפרי).

יעדער איינער אויף זיין פלאץ, איז אפילו אויב איינס ליגט אדער הענגט נעבן צווייטן, הייסט דאס נישט קיין געמישעכטס – 'תערובת'.

❖ ממילא מעג מען אנגרייטן פון דארט אפילו אסאך בעפאר'ן ניצן (צ"ב: אנגרייטן קליידער פון די שאפע פרייטאג צו נאכט'ס אויף שבת אינדערפרי).

### יג. כלים ליגן איינער אויף די אנדערע:

**כלים אדער קליידער, וואס ליגן איינער אויפן צווייטן, מעג מען אראפנעמען דאס וואס מען וויל נישט כדי אנצוקומען צו די אונטערשטע וואס מען וויל נוצן [אבער דאס איז מותר נאר נאנט צו ווען מען דארף זיי נוצן].**

# השומר שבת כדת
# מוחלין לו כל עונותיו (שבת קיח, ב)


דיינים מומחים משיבים ועונים על שאלתכם כל ימות השבוע
קול הלכות שבת האטליין
שבת | יום טוב | חול המועד
929-4 SHABAS
929-474-2227



יצא לאור ע"י הרב יהודה אליקים מאנהייט - מו"צ בק"ק ברוקלין יצ"ו


להנצחות הערות והארות נא להתקשר - 347-512-9276 - haluchuyeshuru@gmail.com